## פראגראם      פראגראם

KADIMAH „קדימה“

### קדימה דראמאטישער בינע-פאריין
טעאטראלער לייטער — נתן גינטער



ערשטער אויפטריט
פון דעם באקאנטן
שוישפילער
נתן גינטער

שבת
29טן פעב. 1936.
אכט אין אוונט
אין קדימה האל

# „מאטקע גנב“

פאלקסשטיק אין דריי אקטן מיט א פראלאג; — — פון שלום אש

**רעזשי: נתן גינטער**

## «קדימה»

די איינציקע יידישע קולטורעלע אינסטיטוציע אין אויסטראליע. קדימה איז וואך און רעאגירט אויף יעדער געשעעניש אין יידישן לעבן, דא און פון יענער זייט ים. די קדימה יידישע ביבליאטעק האט צו זיך קיין גלייכן אין אויסטראליע. אין קדימה שלאגט דער יידישער פולס מיטן פולן טעמפא.

שטיצט די „קדימה“! — ווערט א מיטגליד!

קדימה האלל, 840 לייגאן סטריט, קארלטאן.     טעל. 4055.

---

האט איר זיך שוין צוגעגרייט א מאסקע?
האט איר זיך שוין באזארגט מיט טיקעטס?

האט איר שוין א קלער-געטאן
וועגן דעם

# קדימה פורים מאסקן באל

**שבת 7טן מערץ**
**אין קדימה האלל**

הונדערטער פארוויילונגען פאר גרויס און קליין,
עס וועט זיין יומטובדיק, פורימדיק, פיין און שיין!
גרעגערס, המן-טאשן, משלח-מנות אונטער מאסקעס,
אויסגעדריקט אין שפאס, אין ערנסט, און לאסקעס.

טיקעטס דריי מיט זעקס — קומט אין מאסן!
קומט האבן פארגעניגן חוזקן און שפאסן!

# פּערזאָנען (אין פּראָלאָג)

* * *

| | |
|---|---|
| קליינער מאָטקע | חוה דאַנן |
| בלינדער ליוב | שלמה מענדעלסאָן |
| זלאַטקע | חוה מאַקס |
| אפרים | פייוול יעדוואַב |
| בעריש מייסטער | אשר ווייט |
| דאַבטשע | עטעל קאָרן |
| ר׳ מאיר מלמד | בערל ראָזענבערג |
| שפּרינצע | יהודית סילמאַן |
| לייזער | ישראל שאַדור |
| „דער בלינדער פּערל" | יוסף ווייט |

---

# פּערזאָנען (אין די דריי אַקטן)

* * *

| | |
|---|---|
| דער קאַטערינאַרזש | יעקב גינטער |
| מערי | חיה סעגאַל |
| קאַנאַריק | יוסף ווייט |
| פּוילישער פּאַן | . . . . . . . . . . |
| מאָטקע גנב | נתן גינטער |
| ר׳ מלך | יעקב גינטער |
| הינדל | יהודית סילמאַן |
| חנהלע | לאה טשערני |
| באַסיע | עטעל קאָרן |
| זשאַכלינערין | הינדע שמולעוויטש |
| „די רויטע" | נישקע ראָזענבערג |
| זלאַטע | חוה מאַקס |
| סטראַזשניק | צבי גערשאָוו |

סופליאָר — ש. פּאַדעמסקי. סצענאַריום — — י. שאַדור

ציית — קעגנוואַרט. ———— אָרט — אַ פּוילישע פּראָווינץ־שטאָט.

# שלום אַש

* * *

שלום אַש (געבוירן אין פּוילן אין יאָר 1880) ווערט באַטראַכט ביים היינטיקן טאָג ווי דער גרעסטער יידישער שרייבער. זיינע ווערק נעמען ארום דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד, פּוילן און אַמעריקע, די גרעסטע יידישע צענטערס פון דער וועלט. שלום אַש האָט געשריבן אויך היסטאָרישע מייסטערווערק (קידוש־השם א א.), האָט אויך פיל געשריבן וועגן זיינע רייזעס. זיינע נאָוועלן, ראָמאַנען און דראַמעס פילן אויס ביז היינט עטליכע און דרייסיק בענדער. אַש איז איבערגעזעצט אין פיל וועלט־שפּראַכן. זינט דער גרינדונג פון דעם יידישן פּ.ע.נ.־קלוב איז ער זיין ערן־פּאָרזיצער.

* * *

„מאָטקע גנב" איז אַ דראַמע פון דער טיף, פון דעם „דנאָ" פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן. לכתחילה איז דאָס געווען אַ ראָמאַן, אַש האָט דאָס ווערק אַליין באַארבעט פאַר דער בינע. נישטאָ קיין ווינקל אויף דער יידישער וועלט, ווו מען האָט די דראַמע נישט געשפּילט, אין וואַרשע אַליין ביז 600 מאָל.

מיט גרויסער ליבע שילדערט שלום אַש דעם אונטערוועלט־העלד, „מאָטקע גנב", וואָס איז געזונקען אין דער טיפסטער טיף, נישט צוליב זיין שולד, נאָר צוליב דער אָרימקייט פון זיינע טאַטע־מאַמע. אָבער פון דער „טיפסטער טיף" בענקט ער צו ריינקייט — בענקט ער צו דער „העכסטער הויך" פון אַ ריין און שטיל און מאָראַליש לעבן. אין זיין פינצטערן לעבן איז די ליבע צו זיין מאַמען געווען דער לייכט־טורם, איר צוליב האָט ער זיך געוואָלט דערהויבן ווידער, געבן איר אַביסל נחת פון איר זון „מאָטקע גנב" אויף אירע אַלטע יאָרן. טראַגיש איז אָבער דער גורל פון דעם אונטערוועלט־העלד, אין לעצטן מאָמענט פאַלט ער אריין אין די הענט פון דער פּאָליציי, פון וועלכע ער וועט זיך שוין אפשר קיינמאָל מער נישט ארויס־דרייען, טראַגיש איז דער גורל פון זיין מאַמען, איר לעצטע האָפנונג איז צעשטערט געוואָרן אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט געגלויבט, אַז זי וועט שוין האָבן דעם גרעסטן מוטערליכן נחת פון איר פאַרפאַלענעם זון.

כאָטש די דראַמע ווייזט דאָס לעבן אין זיין גאַנצער טראַגישער נאַקעט־קייט, און דאָס איז דאָך די אויפגאַבע פון יעדן גרויסן דיכטער, האָט זי טיפע מאָראַליזאַטאָרישע טענדענצן, — דעריבער טאַקע איר גוואַלטיקער ערפאָלג ביי די יידישע מאַסן, וואָס האָבן אַ טיפן חוש, אַן עטישע אינטואיציע.